STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03568

MOMENTN

Luniansky Lune Mattes

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מאמעס

מאמענטן

צייכענונגען פון טאדראס געללער

ארויסגעגעבן פון
ביאליסטאקער יוגנט פארבאנד
2600 קריסטעל סטריט, שיקאגא
1926

ביאַליסטאָקער יוגנט פאַרבאַנד
אין האַרצליכן דאַנק.
ל. מאַרס
19 7/5 26.

מאי

קלינגט דער היאַצינט.
און דער קאַרשנבוים האַלט זיין בליט פאַר יעדער קאָלע גרייט.

די טולפּע

איך וואָלט נאָך געטרונקען פון פרילינג —
האָט די טולפּע איר בעכער פאַרלאָרן.

א שטערן

נאכט —
האָט מיר אַ שטערן צוגעוואָרפן.
איך האָב באַהאַלטן זיין ליכט —
מיט דיר זיך צו טיילן.

גשווילן

קאָפּ — ניט אָפּגעהאַקט. הענט — ניט אָפּגעשניטן.
און עס ווײנט אַ קאָפּ נאָך אַ פּאָר אַקסלען אין טראָג.
עס ווײנען הענט — נאָך אַנהאַלט.

דיין אויג

שטיל.
און אויף די סאָווע שלאָפט.
נאָר געפאנגען דיין אויג האלט מיין זין —
וואָך.

נאכן אכטער

עס גייט נאָך דער אַקערער נאָך די טריט פונ׳ם פערד,
נאָכן שאַרף פונ׳ם מעסער, נאָך די גרודעם צוגראָבענע ערד.
און ס׳גייט נאָך דער רויטברוסט נאָך דעם אַקערערס טריט.
פּיקט ווארים נאָך וואָרים און זינגט זיך זיין ליד.

זיבן לעוואַנטס

זעקס פולע לעוואַנעס
געהאַרבט האָבן מיין שעפּע און געהורבעט.
די זיבעטע לעוואַנע —
מיט סערפּ פאַרשאַרפטן ט׳מיין האַלדז פאַרכאַפּט.
און רויט־וואַרעם איז סערפּ אין קאַלט־בלויער נאַכט, רויט־וואַרעם.

דאלעס

טרערן אין שויב.
און פון שפּינוועב ארוים,
מיט אַ קעלט וויינט דאַלעס —
אין די ווינקלען פון הויז.

בלויטר פויגל

כאָלעם צעפּליקט —
בּלויער פויגל געקלאפּט האָט אין שויב.
פענצטער געעפנט —
פארפלויגן בלויער פויגל, פארפלויגן.

געקושט

מײלכל ערשט צעעפֿנט —
און שוין האָט דער שמעטערלינג די נאַרציסע געקושט.

אַ שטימונג

לעװאָנע אין אַבאַזשור.
און אויך דער זון װאָלט איך אַ קאַלפּאַק אָנגעטאָן.

געצאמט

ווילדע בלומען פרייען זיך מיט ווילדער פרייד.
אזויפיל ווילדע בלומען בא מיין טיר!
נאָר געצאַמט בין איך.
און אפילע די פרייד שטיקט אין מיר.

א טרער

אין האַנט אַ טרער.
פאַרשטומט האָט די אויג —
רעדט ניט מער.



איז זיך

פענצטער צום גאַס —
זון.
גראָבן אויגן נאָר אין זיך —
אָפּגרונט טיפֿער.

צירונג

מינעט זיך שעמעוודיק דיין וואָרט —
ערעלשטיינער אין שאטן געמינעט.
און פאַלט דיין טרער —
נו, פערל נים, טייערע, דארפסט קיין פערל נים מער.

ווינטער

נאכט.
לעוואנע קאלט,
הייגגט א טויטע אין הימל.
און ווייס ליגט די ערד.
טויט.

שטיי אויף

ס'האט נאכט פון אונטער פליגל דעם מארגן ארויסגעלאזן.
שטיי אויף.
פארשעם ניט דעם טאג, ווען ער קלאפט אין דיין לאדן.
מאטער ניט דעם הונגער, ווען ער בעט א שטיקל ברויט.

אַ שנירל ליכט

אַ שנירל ליכט שליינגלט ווארעם אפן דיל.
שושקען זיך שאטנדיק די ווענט
און בלייכן אויף, ווי דער לאנדיש בלייך אין שרעק —
שליסנדיק די הענט.

איינער אליין

גערהויקערט שלעפּט זיך דער וועג אין נאַכט אַריין.
און דאָ — איינער אליין אפן וועג.



וואונדיקער הערבסט

וואונדיקער הערבסט אױף די פעלדער —
שײנט הונגער די הויט.
טרערן אין מארק אויסגעביטן —
אױף ברויט!

פיקהאַלץ

נאָך וויגט זיך די נאַכט אַף אַ צווייג.
און שוין האָט דער פּיקהאַלץ מיט געשריי זיך צעפליגלט —
מיט שנאָבל אין הימל אַף טאָג אויפגעפּיקט.

פערל

פערל —
פאר דיר געקליבן.
פיל שענער ז'דיין האלדז אן זיי.
זיינען די פערל — מיין ליד געבליבן.

פרילינג שניי

פרילינג שניי אפן שוועל פון מיין פענצטער.
האב איך דעם שניי צונויפגעשארט,
אין וואזע ארייגעלייגט.
לאכט די וואזאנע און גרינט פאר פרייד.

פאַרשטאַנטז

שטיפמוטערלאַך האָב איך דיר געשיקט —
מיין אומרו.
פאַרשטאַנעז —
האָסטו מיר די ליליע געשיקט,
קאַלטע רו.

אויסגטלאכט

אויגן —
שוועך פֿאַרמאַכט.
נאָר רעדער שוואַרצע ארום די אויגן —
האָבן אַ סאָך אויסגעלאַכט.

שאטן

מיין שאטן בא מיינע פיס,
ווייס איך, אַז זיין וואַכזאַמע אויג וואַכט אויף איבער מיר.
און פאַרגאַנגען איז די זון —
געלייגט האָב איך זיך אַפּן אָרט פון מיין שאַטן.

זונפארגאנג

װאָלקנס — לעמער.
זון שעכט די לעצטע לאַם.

אװנט

בלויער שלומער אַף מיינע ברעמען.
שאטנדיק דער אװנט לייגט זיין קאָפּ אַף מיין שױס.

אוונט געזאַנג

אַראָפּגעזונגען האָט דער אוונט זיין שטערן ליד.
הענט —
שווער און מיד,
שאָטנשטיל האָבן נאָכגעזונגען.

נעכט

אויסגעביסן א האלבן שלאָף.
— זייגער־שמייגער, פּאָף !
טראַם און אונטערבאַן שמירן נאָך די רעדער.

קיינעמס קינדער

וואגלען קינדער אום אף וועגן —
וועמעס קינדער?
ווי די הערבסטיקע בלעטער אף הערבסטיקע וועגן —
קיינעמס קינדער!

איז באַהעלטעניש

שטאָט האָט דעם קאָפּ אַרויף צום הימל פּאַריסן:
— זון!
זון פון הינטער קוימען פאַרגאַנוועט —
לאַכט.

הענט

פינף פינגער —
אַ האַנט.
פינף און פינף —
הענט
צו גאָט און לייט פאַרשוואָלדיקטע.

פארטאג

גערודערגערויש —
שוועלט.
אויגנדעקלאף צו —
שלאף צאפלט אונטער ראד, און צאפלט.

טעג

וואכנטעג געמוסקולטע —
פארקויפט.
יאנטעוו טעג געאיידלטע פארמאשקנט.
און קיין אויסלייז איז ניטא.

א כאווער

בלוטיקע שפּורן נאָך הערבסטיקע טריט.
אַ כאַוועער דער שנײ — האָט אַלעס פאַרדעקט.

אויסגעקוועטשט

פינגער שאַטענען אויף שויב.
קומט זון און קושט דעם טרויער אויס פון פינגער שאַטנדע.

א סאד

די שטערן האבן זיך איבערגעוואונקען:
עפּעס האָט די ערד באהאלטן.
נאָר אויגן טרערן —
קענען ניט האלטן קיין סאָד.

געשמידט

געשמידט די צונג.
און אויך לעוואנע הינטער וואלקן —
שווייגט.

זאלבעדריט

קאַפּ געבויגן —
טרויעך שאַרט מיט שטאַרע טריט.
שאטן, שיימער מיינער, שאטן.
אין צווייען — מיר זיינען זאלבעדריט.

אליין

קאָפּ —
פון הענט געטרייסט.
נאָר אליין איז דאָס האַרץ און פאַרשלאָסן.
אליין.

באַם פֿענצטער

מינוטן מיינע —
אייער אָטעם גייט אויס אויף מיין שויב.
און מיינע פינגער באַטרויערטע,
געבויגענע —
גייען נאָך דעם טויטן וואָגן.

טרייסטלאז

הענט —
ווארעם אייער טרייסט.
נאָר פינגער געבראָכענע —
גראבן אין שוים ביז באַגראבונג.

זון

זון,
שטעך מיר די אויגן אוים
איך זאָל דיין בלוטיקן ניט זען.
איך קען ניט זען קיין בלוט.

לעצטע גײזאַנגען

ליפּן — געשלאָסן. אױגן — פאַרמאַכט.
פליגלען לעצטע געזאַנגען אױף פליגלען פון נאַכט.

אומעט

עס זעגט די גריל אַרײַן אין נאַכט.
פון נאַכט אַרױס — גרילט אַן אומעט.

א טרייסט

פארלארן.
מיר וועלן זיך געפינען.
און איין מוטערשוים וועט אונדז האלטן און צערטלען.
אין איין הימל וועט אויפטויכן אונדזער ליכט און זיך וויגן.

מאדאנע הימל

בלויער,
טיפער שוים.
ווארעם אין שוים,
ווי א לאם פון וואסער ערשט ארוים —
א ווייס קליין וואלקנדל.

אלע דריי

שניי.
מיין שאטן אפן שניי.
און אלע דריי וועלן מיר צערינען —
מיט זונפארגאנג.

ליכט

ווערים —
אין דער ערד פארגראָבענע,
געזעטיקטע אין פינצטערניש געדיכט.
אַף גרינבלעטער 'לעבן גייסעסער —
אין טעהאם אויפגייענדע 'ליכט.

נאכטמאטיל

נאכטמאטיל —
ברענט, פליגלט, ברענט.
לעשט זיך דער לאָמפּ.
מיין שאטן גענענט.
ש ש ש.

ז׳ענוועך. שיקאגא.
1926—1922